העפטל 14 — 3 פענס

# בלוטיקע שניט־טעג

א. נ. שטענצל

לאָנדאָן, ווייטשעפל — יולי, 1941

---

## מאַן בלומען

ציטיק בלוטיקט דער מאַן אויף דער סטעשקע,
די קאָרן־בלום פון צווישן די תבואות שוין אַרויס,
נאָר די שוואַלבן ציטערן אויף בלויען הימל:
וועלן די זאַנגען היי־יאָר ווערן נאָך גרויס?

וועט דאָס פעלד נישט פאַרלירן זיינע קערנער,
פונם שרעקליכן וואָס ס׳שעפּטשעט צו דער ווינט?
אַ מעוברתדיקע מאַמע אַ בייזע בשורה דערהערט
און מפּילט פאַר דער צייט ס׳טראַגנדיקע קינד — — —

און נישט נאָר די שוואַלבן — די קינדער היי־יאָר,
ווען זיי רייסן די בלומען פאַרן זשניווע־קראַנץ,
ציטערט אויף אַזאַ מורא אין זייערע בליקן,
פון דעם רויטן מאַן, פאַר זיין בלוטיקן גלאַנץ — — —

אַהיים צו זייערע מאַמעס זיי צעלויפן זיך,
אויפ׳ן וועג זיי וואַרפן די בלומען זייערע אַוועק,
נאָר די מוטערס לייענען אין זייערע אייגעלעך
אַזאַ בלוטיקע אומהיימלעכע שרעק — — —

— — — — — — — — — — — —

שפּעדיק היי־יאָר דער מאַן אויף די פעלדער,
די קאָרן בלומען צווישן די זאַנגען אַזוי גרויס!
אָבער ווער ברויך דען נאָך די ציטיקע תבואות —
פאַר געפאַלענעם ס׳ברויכט יעדער אַ בלומען־שטרויס.

## ווייסער יאַסמין

לאַנג שוין כ׳האָב׳ן געהאַט פאַרגעסן
דעם טויטן־דופט פון צעבליטן יאַסמין,
און ווידער איצט איך האָב׳ן דערזען,
מיט זיין שטעכיק ווייס אין גיפטיקן גרין —

די בליקן מיינע, ווי צעמישטע,
פון אזאַ מטושטשן טויט־געראוך!
די גאַנצע וועלט פול איז מיט קברים,
און אונטערן יאַסמין־צוים — מיינס איך זוך.

## ווען דער גאלדרעגן בליט

איז דאָס אַ ליגנט,
אַז דער גאָלדרעגן בליט,
אַז ווי אַלע יאָר
די שוואַלב זינגט איר ליד?

אַז באַלד וועט צייטיקן
די תבואה אין פעלד,
די זעטיקע פרייד
אין סנאָפּעס צעשטעלט?

צי גיכער איז דאָס,
וואָס קומט איצטער פאָר,
ס'פאַרבלוטיקן פון מענטש,
דער גרויסער ליגנט גאָר?

אַז שטאַרקער פון'ם שלעכטס,
דאָס גוטע מוז זיין,
דאָס־אָ איז דער אמת,
דאָס וואָרהאַפטיקע אַליין.

דעמלט נאָר וועט פעלד
צייטיקן מיט זעט,
דער גאָלדרעגן־בליט,
מיט זיין צאַרטן געגלעט,

דערפרייען יעדן בליק.
און מיט שוואַלבן־ליד
פריידיק מיטציטערן,
דאָס טרויריקסטע געמיט —

— — — — — — — — — — — —

אַ ליגנט איז אַלץ,
איידער דאָס־אָ וועט זיין!
בליט און פעלד און שוואַלב,
און מענטש מיט זיין פאַרשטיין.



## בליענדיקע ליפּעס

(צוויי סאָנעטן)

.1

ווי דער הימל איז דאָס אַזוי לויטערדיק־קלאָר,
אַז ס'נעמט אַזש אַרום אַזאַ מוראדיקע שרעק!
אַן אָפענע ווונד, אַ בלוטיקער פלעק
איז אויפ'ן הימל די פרילינגס־זון אפשר גאָר?

ווער ווייסט דען נאָך איצט וואָס ליגנט איז, וואָס וואָר!
און אַז ס'איז אמת, ס'איז זון — וואָסער צוועק! —
זי לייכט דאָך נאָר אַצינד פון עק וועלט ביז עק,
מ'זאָל זען ווי אונזער לעבן הענגט אויף אַ האָר.

ס'האָבן היי־יאָר די ליפּעס ווידער אויפגעבליט,
אָבער ווער האָט עס באַמערקט, ווער דערזען?
בסדר אויפגעציטערט מיט אונזער געשען,

איז עס ווי אויסגעלאָשן אין אונזער געמיט —

— — — — — — — — — — — —

ווי דער הימל איז דאָס אַזוי ליכטיק און ריין — —
און פון די צעבליטע ליפּעס דאָס שטילע שטיין — —

.2

אויסצוזויגן יעדעס בלעטעלע צוויט,
די גיפטיקע בינען פון בלום צו בלום,
פאַרשכורט פון זייער אייגענעם געזשום! —
ווייסן זיי דען, אַז גראָד־אָ דערמיט,

מיט זייער פאַרשייטן צעפלאַטערטן שריט,
צעטראָגן זיי דעם זוימען מיט זיך אַרום,
אַז זאַפטיקן ס'זאָל יעדער צוויט־פאַרפום,
איידער ער ווערט פאַרוויאַנעט און צעשיט?

צעבליטע בלומען אַזעלכע וואונדערלעך־שיין
זיינען אונזערע צעוואָקסענע שטעט,
און די פליערס, אַנפלאַטערן וואָס מ'זעט,

גיפטיקע בינען גלייך אין האַרצן אַריין —

— — — — — — — — — — — —

אָבער, ווי פון זוימענדלעך צו דערזען קוים,
ס'וועט זאַפטיקן איצט צייטיקסטער טרוים.

# אין שניט צייט

.1

די קאָסע צווישן צייטיקן ווייצן,
אַ פאַרכלינעטע מיט גלוטיקער זון,
בלייבט ער שטיין מיט דערשראָקענע צוויי הענט,
נישט צו וויסן מער מיט זיי וואָס צו טון.

אין זיינע אויסגעגלאָצטע צוויי אויגן
קוקט דער פחד אויפגעריסן און שטום —
זיינען׳ס נישט געפאַלענע, פאַרבלוטיקטע,
די סנאָפּעס וואָס ליגן אַרום און אַרום ?

ווי זיי שטעכן דאָס אויף, ווי רציחיש —
אויף געשפּיצטע פּיקעס, ווען מ׳גייט „באַ־שטיך״ !
איינער אויף אַנדערן, איבער אַנדערן,
וואָס כיטרער, וואָס געשיקטער, אין דער גיך — — —

דער גאַנצער אַקער ווי אין בלוט פאַרגאָסן,
פון טויזנטער ווונדן רינט עס און רינט !
זיין ווייעדיק האַרץ ס׳איז אויך אַזאַ ווונד,
אויסצובלוטיקן מיט אַלע דאָ אַצינד.

נאָך אַ מינוט, נאָך איין אויגנבליק — —
און אויך ער וועט ליגן איינער צווישן זיי !
אָ, פון שראַפּנעלן איצט געטראָפענע,
ברענען דאָס די סטאָדאָלעס דאָרט, אין זון־פאַרגיי.

.2

וועט ער זיינע פערד נאָך שפּאַנען אין אַקער
און אויפרייסן די ערד צו פרישן פאַרזיי,
איבער זיין יעדן שפּאַן ס׳וועט פלאַטערן
דאָס הייזעריק שאַרפע וואָרנע־געשריי ?



אָדער וועלן אויף זיינע פערד געזאָטעלטע,
אַוועקרייטן זיינע זין, איינציקע צוויי,
קיינמאָל שוין ניט מער נישט צוריקצוקומען,
און קיין זכר מער ס׳וועט נישט בלייבן פון זיי ?

נאָר אַלע יאָרן, אין דער אַקער־צייט,
מיט זייער געפיק, מיט זייער געשריי,
מיט רציחהישן געפלאַטער איבער זיין קאָפּ,
וועלן נאָר די וואָרנעס דערמאָנען אין זיי — —

— — — — — — — — — — — —

די קאָסע צווישן צייטיקן ווייצן,
אַ פאַרכלינעטער מיט גלוטיקן פאַרגיי,
קוקט ער מיט אימה אין זיינע בליקן,
צו זיינע אויסגעשפּאַנטע פערד, זיינע צוויי.

ווי ס׳ציטערט דאָס צווישן זייערע אויערן !
ביין, ביט דאָרט, פאַר׳ן לייטער־וואָגן, ביים סטויג היי —
זיי וואָלטן איבער׳ן האַרץ אַן אַקער איצט געצויגן,
און עס אויפגעריסן מיט אַזאַ שאַרפן ווייי — — —

3

מיט פאָכעדיקע ווידלען, לאַשטשענדיקע,
צוגלאַנצטע פון זון און טוליענדיקן געטריי,
אויסגעשפּאַנטע פאַר׳ן לייטער־וואָגן הינטן,
שטייען זיי אין גלוטיקן זון־פאַרגיי.

די אויפגעשטעלטע אויערן פולע מיט ציטער,
ווער ווייסט צו וואָס זיי האָרכן זיך דאָס שוין צו !
דער טרויער אין די אויסגעקוליעטע שוואַרץ־אַפּלען,
בלוי איבערלאָפן מיט אויסטערלישער רו.

און דאָס טרייסלען פון די פולע בייכער,
און איבער די רוקן די גערונצלטע פעל —
ווער ווייסט אפשר הערן זיי שוין פון ווייטנס,
דאָס כסדרדיקע פלאַצן פון שראַפּנעל — — —

די קאָסע צווישן צייטיקן ווייצן,
אַ פאַרכלינעטער מיט גליאיקן פאַרגיי,
קוקט ער מיט שרעק אין זיינע שוואַרץ־אַפּלען
צו זיינע צעגלאַנצטע פערד, זיינע צוויי —

פון אַן אַראָפּגעשאָסענעם, אַ געטראָפענעם,
אַ בלוט באַגאָסענער צעשפּאָלטענער קאָפּ,
פון אַ זון זיינעם אין שטורמישן גאַלאָפּ! —
פאַלט די זון צווישן זייערע בייכער אַראָפּ —

.4

עפּעס אַ טויטער גוף, אַן אויסגעבלוטיקטער,
ליגט צו זיינע פיס דאָס אָפּגעקאָסטעטע פעלד;
אין פינסטערניש געהילט דער לייטער־וואָגן —
דער קאַטאַפאַלק פאַר'ן געפאַלענעם העלד.

שוין זיינען די פערד אין שוואַרצן אָנגעטון,
שוין זאַמלט מען זיך טרויעריק צו לעצטן באַגלייט,
און ער מיט דער בלאַנקער קאָסע אין האַנט,
ווי ר'איז שטיין געבליבן שטייט ער נאָך אַלץ און שטייט.

דאָס שטיקל ערד זיינס געאַקערט און געזייט,
פאַר הויזגעזינט געשניטן ווי אַ רעפטל ברויט!
אין קברים אויפגעריסן ס'וועט ווערן איצט
און פאַרזייט מיט גיפטיקן, מיט גליאיקן שרויט.

און וואָס קאָן שוין בליען, וואָס קאָן שוין וואַקסן
און וואָס צייטיקן נאָך אַזאַ פאַרזיי,
אַז אייגן שטיקעלע פעלד ס'ווערט געמיסטיקט
מיט לייב און לעבן פון זין, אייגענע צוויי — — —

אָ, וואָלט ער די קאָסע אויף אַקסל געקאָנט נעמען
און גיין פאָראויס ווי דער לייבהאַפטיקער טויט —
הערצער פול געוויין, אויפצורייסן,
מיט געבעט איבער'ן שטיקעלע טעגליכן ברויט.



## זשניווע...

.1

נישט מיט קאָסעס אין זייערע הענט שטייען זיי,
צו נעמען דעם פריידיקסטן פון אַלע שריט,
נישט געזעטיקטע געזאַנגען אין זייערע העלזער
זוניק צעזינגטע מיט צייטיקן שניט —

מיט געשאַרפטן מעסער, געלאָדענעם ביקס
אויף לויערנדיקן שונא זיך צו טון אַ וואָרף,
מיט געוואַגטסטן מוט אין זייערע לייבער
שטייען זיי פאַר די טויערן איצט פון יעדן דאָרף.

די געבונדענע סנאָפּעס אין די שייערן
וועלן שוין ווייבער אַריינברענגען מיט געזאַנג!
אַז מיטן רויך ס'זאָל נישט אַוועק די זשניווע,
מוז מענעריש מאַרשירן שיצנדיקער גאַנג — —

ווי ס'ציטערן דאָס פון פרייד זייערע הערצער,
האָרכנדיק פון ווייטן דאָס ליד פונם שניט,
זיי הערן אָנקומען יענע זשניווע צייטן,
צו נעמען דעם פריידיקסטן פון אַלע שריט.

.2

עס האַלט דער טויט די קאָסע אין האַנט,
ווי שאַרף־געשליפן זי איז דאָס און ווי זי שניידט —
ס'איז די ערד אַזוי בלוטיק איבערגעגאָסן,
ווי אין זשניווע טאָג ווען די זון פאַרגייט.

ווי ברייט ס'איז דער שפּרייז פון זיין האַרטן טראָט —
דער רויטער מאָן פלאַטערט ווילד אין זיין הוט!
אָ, די פרייד אין די זינגענדיקע העלזער,
זי גליווערט פינסטער מיטן זידיקן בלוט.

מיט יעדן ברייטן בויגן פון זיין שאַרפער קאָסע
כריפעט הייזעריג אָפּ גסיסה־קלאַנג —
ס'איז די ערד אַזוי בלוטיק איבערגעגאָסן,
אַ פרישער זשניוועטאָג אין זוניקן אויפגאַנג !

יאָ, אַזוי לאַנג האַלטן וועט ער די קאָסע
אין זיינע קנאָכיקע פינגער הער טויט
ביז ערלעך אָפּגעשאַטן ס'ועט ווערן
פאַר יעדן מענטש זיין קאָרניק שטיקעלע ברויט.

.3

ווי דער זינגענדיקער ווינט אינם גאָלד פון די זאַנגען,
ווי דער לויטערער קלאַנג פונם געשליפענעם שטאָל,
עס וועט דאָך פון אונזערע הערצער הער געזאַנג
זוניק אויפשיינען מיטן צייטיקן אַמאָל —

מיט אייביק געטרוימטן פון צייטן צו צייטן
ס'זיינען דאָך געבויגן שוין שווערע אונזערע קעפּ !
ווי ס'בלוטיקט דאָס צווישן אונז אַזוי אויפגעשוידערט —
אין שקיעה־ווינט אין צייטיקן תבואה־סטעפּ.

אָ, ס'וועט דאָך בייזער שטורעם נישט, חלילה,
צעפלאַשן אין אַלע זייטן אונזער שווערע מי !
ס'וועט מיט אונזער בלוט אַצינד נישט צערינען אַלץ,
ווי די האַרבסט־געוויסערן, וואָס קומען אָן צו פרי.

ס'איז דאָך דער ציטער איצט אין אונזערע הערצער,
דער שוואַלבן־געפלאַטער איבער געשניטענעם פעלד ;
און דאָס געעפנטע גאָלד פון אונזערע טרוימען —
געבונדענע סנאָפּעס צו ווערן באַלד אויפגעשטעלט !

Printed by I. Narodiczky, (T.U.), 129/131 Cavell St., London, E.1.